# זקניך ויאמרו לך

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל דסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | גליון קמ"ז – פר' לך לך תשע"א לפ"ק | כיתה ח' ט'


תתתרכ) עס דערציילט
## כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

דער ערשטער באנד פון ספה"ק ייטב פנים איז ארויסגעקומען נאך בחייו פונעם זיידן דער ייטב לב זי"ע.

עס איז געווען איינמאל ווען דער ייטב לב זי"ע האט געבעטן אז מ'זאל אים ברענגען דעם ספר ייטב פנים, האט ער זיך טועה געווען און ער האט געזאגט 'פנים יפות', ווען מ'האט אים געברענגט דעם ספר פנים יפות, האט ער זיך געכאפט אויף זיין טעות, האט ער געזאגט אויפן ייטב פנים, "אפילו עס איז נישט קיין פנים יפות, איז ער אבער א שיין ספר"... (יום שב"ק פר' נח תשע"א אחר תפילת שחרית על אם הדרך לביתו נאוה קודש) (קלונימוס אליעזר בנעט)

תתתרכא) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ג ר' מאיר יודא קטינא שליט"א ר"מ בישיבה"ק

מיין טאטע הרה"ח ר' יואל צבי ז"ל איז געווען א תלמיד פון רביה"ק הדברי יואל זי"ע נאך אין אורשיווע, און ער האט געלערנט ביים רבי'ן דריי יאר.

ווען עס איז געקומען די תקופה ווען ער האט געדארפט 'איינרוקן' אין מיליטער איז ער צוגעגאנגען צום רבי'ן ביים פורים טיש און ער האט זיך מזכיר געווען פאר א ישועה אז ער זאל באפרייט ווערן. דער רבי איז שוין געווען מבושם במשתה היין, און ער האט זיך אנגערופן "וואס האסטו מיט זיי, דו געהערסט צו די קדושה"...

וכך הוה, ער האט זיך געשטעלט צום מיליטער דינסט, און ער איז באלד באפרייט געווארן. ער איז געגאנגען תיכף דערציילן די בשורה טובה פארן רבי'ן, און ער האט זוכה געווען יענעם פסח צו עסן דעם סדר ביים רבי'ן זי"ע. (יואל מארקאוויטש, משה קטינא)

תתתרכב) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' שמואל הכהן פריעדמאן הי"ו משב"ק

אמאל אין א שמועס ביים רבי'ן מרן הברך משה ז"ל האט מען גערעדט איבער די נסיעות צו קברי צדיקים אין פוילן, האט זיך איינער אנגערופן אז ער האט געהערט פון א חשוב'ן איד, אז אזוי ווי צדיקים האבן געזאגט אז מ'קען זוכה זיין צו האבן א נאנטן שייכות מיטן הייליגן רבי'ן ר' אלימלך ז"ל אויך פונדערווייטנס דורכדעם וואס מ'פאלגט אויס זיינע ווערטער אין 'צעטיל קטן' האט ער זיך בוחר געווען מקיים צו זיין בקביעות וואס עס שטייט אין צעטיל קטן (סעיף י"א) בתוך הדברים אז "בשעת די הויכע שמונה עשרה זאל מען אריינקוקן אין סידור און אויסהערן די גאנצע צייט", און ער האט אינזינען דורכדעם צו האבן א שטיקל שייכות מיטן רבי'ן ר' אלימלך ז"ל.

פארן רבי'ן איז דאס שטארק געפאלן, אבער ער האט געזאגט בערך דאס לשון "ער האט זיך אויסגעקליבן פון די גרינגע זאכן אין צעטיל קטן, וואס מ'דארף נישט דערצו קיין גרויסע מדריגות, אבער עס איז זייער חשוב". (יואל הכהן פריעדמאן, שמעון הכהן פריעדמאן, אהרן הכהן פריעדמאן, יצחק אייזיק הכהן פריעדמאן, יעקב בהרא"י הכהן גלאנץ)

תתתרכג) עס האט דערציילט אונזער קרוב
## הרה"ח ר' משה אמסעל ע"ה

אלס קינד פון צען יאר האט ער געהאט די זכי' צו זיין ביי הגה"ק מהרי"ד מבעלזא זצ"ל פון וועמען ער האט מקבל געווען ברכת קדשו, און ער האט דאן מיטגעהאלטן א מעשה פלא מיטן בעלזער רב זצ"ל.

דאס איז געווען בשנת תרפ"ב לפ"ק ווען דער בעלזער רב זצ"ל איז געווען אויפן וועג צוריק פון אונגארן קיין פוילן, נאכן זיך אויפהאלטן עטליכע יאר אין אונגארן צוליב די ערשטע וועלט קריג. דער בעלזער רב זצ"ל האט דאן געפראוועט א שבת אין מיהאלאוויץ, און זיין זיידע זיין מאמעס טאטע האט אים דאן מיטגענומען מיט זיך אויף יענעם שבת צום בעלזער רב זצ"ל.

כידוע האבן די צדיקי בית בעלזא מקפיד געווען, אז מען זאל נישט קושן אין די האנט, ווי עס איז נהוג ביי אנדערע צדיקים. ביי יענע געלעגנהייט האט א גרויסער ציבור זיך פארזאמעלט מיטצוהאלטן די געהויבענע מאמענטן בצל הקודש, און ווען דער ציבור איז אריבער שלום נעמען, האט דער בעלזער רב זצ"ל אראפגעצויגן די ארבעל ביז איבער זיין האנט, כדי אז מען זאל אים נישט קענען קושן אויף די הענט.

דער נפטר ר' משה ז"ל, זייענדיג דאן א יונג קינד, האט נישט געוואוסט פון די קפידה, און ביים שלום נעמען האט ער געגעבן א רוק ארויף די ארבעל פונעם בעלזער רב זצ"ל, און ער האט אים געגעבן א קוש אין די האנט, זייענדיג צוגעוואוינט פון די צדיקים אין אונגארן ביי וועמען ער איז שוין געווען ביז דאן, אז פאר א צדיק גיט מען א קוש אין די האנט. האט דער בעלזער רב זצ"ל אים באפוילן אז ער זאל בלייבן שטיין אין די זייט, ביזן ענדיגן שלום נעמען.

נאכן ענדיגן שלום נעמען האט דער בעלזער רב זצ"ל אים געפרעגט, צי ווען מען נעמט ארויס די ספר תורה פון ארון הקודש, און ער גייט קושן די תורה "וואס קישטו דאן, די גווילין, צו דעם כתונת אויף די ספר תורה?" האט ער געענטפערט, אז אוודאי קושט ער דעם כתונת. האט דער בעלזער רב זצ"ל זיך דאן ארויסגעכאפט צו אים, פרעגענדיג פון אים "אויב אזוי פארוואס האסטו פריער ארויפגערוקט דאס העמדל און געקישט די גווילין?!"... (שלמה מנשה בר"י פאלקאוויטש, שלמה מנשה בר"מ פאלקאוויטש, יצחק שמואל סעגעדין, יעקב פאלקאוויטש, יצחק פאלקאוויטש, שלמה מנשה פייערשטיין, ישראל מאיר פאלקאוויטש)

תתתרכד) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן הי"ו

מיין טאטע הרה"ח ר' יעקב הכהן ז"ל איז געווען א זון פון הרה"ח ר' אברהם שמחה ז"ל פון סאטמאר, א זון פון הרה"ח ר' חיים מנחם ז"ל, א זון פון הרה"ח ר' מרדכי ישראל ז"ל, און א איידעם ביי הרה"ח ר' מענדל קליין ז"ל פון מונקאטש.

איידער דער שידוך איז געשלאסן געווען איז ר' מענדל קליין אריין צום בעלזער רב הרה"ק רבי יושע'לע זי"ע און ער האט זיך מיט אים שואל עצה געווען איבער דעם שידוך.

האט זיך דער בעלזער רב אנגערופן "די משפחה זענען אייניקלעך פון רבי קהת פון ווארישט, מתלמידי הבעש"ט הק', פון דעם ר' קהת ביז אהרן הכהן איז נישט געווען קיין פסול אין די כהונה, אפילו נישט קיין פגם פון קוקן אין שפיגל"... (עס זענען טאקע געווען חסידים ואנשי מעשה וואס פלעגן אויף דעם סמך שיקן די שפעזן פארן זיידן ר' אברהם שמחה ע"ה אז ער זאל קומען זיין כהן ביי פדיון הבן.)

ווען דער זיידע ר' מרדכי ישראל איז אריין צום בעלזער רב פרעגן וועגן דעם שידוך, האט ער געענטפערט אז ר' מענדל קליין האט געהאט א זיידע ר' אברהם שמחה, ווען ער איז אמאל געפארן קיין לובלין ביים גרעניץ האט אים די וואך געשאסן, דער קויל האט אים געלעכערט דעם טילעפ און די בעקיטשע, און ביים טלית קטן איז די קויל שטיין געבליבן. (חיים יוסף יצחק הכהן פריעדמאן, יעקב קרויס)

תתתרכה) עס דערציילט אונזער זיידע
## הרה"ח ר' אלי' שאול כ"ץ הי"ו

כידוע האט רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע געהאט געהויבענע ענינים מיט זיינע צדקה געלטער, ווען ער האט אפגעטיילט זיינע געלטער אויף פארשידענע פלעצער, און פון צייט צו צייט האט מען באמערקט ענינים נפלאים ווי דער רבי האט דערקענט אויף יעדע סארט געלט פון וואו דאס קומט.

מיר האבן געהאט א פעטער הרה"ג ר' יעקב כ"ץ ז"ל א ברודער מיטן אונזער זיידן הגה"צ רבי אלי' כ"ץ זצ"ל דער ראסלאוויצער רב זצ"ל. ווען דער רבי איז געקומען קיין ארץ ישראל בשנת תשב"י לפ"ק איז דער רבי איהם געגאנגען באזוכן, ביי אים אין שטוב.

בתוך הדברים האט ער געזאגט פארן רבי'ן אז ער האט דא 'כשר געלט' וואס ער וויל געבן פארן רבי'ן. האט אים דער רבי געפרעגט "איר האט נישט כשר געלט אויך?". האט ער געזאגט אז דאס איז געלט וואס ער האט אוועק געלייגט וואס ער האט באקומען אלס 'כהן' ביי פדיון הבן, וואס דאס איז 'כשר געלט' וואס די תורה הק' האט אים מזכה געווען.

דער רבי האט גענומען דאס געלט און אוועק געלייגט אין א עקסטערע טאש אין זיין וועסטל. (יושע נחמן כ"ץ, יוסף כ"ץ, יואל כ"ץ)

תתתרכו) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' יודא ארי' גראד ע"ה

עס איז געווען אמאל ווען הרה"ח ר' בנימין הערש בערקאוויטש שליט"א איז געקומען צו פארן קיין אנטווערפן לטובת די "הוצאת ספרים בית רחל", וואס האט ארויסגעגעבן ספרים און קונטרסים צו לערנען מיט אידישע טעכטער לויט די הוראות פון **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע.**

עס איז געווען אין די תקופה וואס רביה"ק זי"ע איז נישט געזונט געווען, און דער עולם האט משתוקק געווען צו הערן סיי וועלכע גרוסן פונעם רבי'ן, און רבי בנימין הערש האט דערציילט פארשידענע ענינים נפלאים, צווישן אנדערע האט ער דערציילט אז איינמאל שבת נאכמיטאג האט דער רבי געגומען דעם 'כולל ענינים', און דאס שטאטליך דורכגעקוקט און ער האט אים געזאגט דערויף פארשידענע הערות. און ער האט געבעטן אז דער ציבור זאל זיך ווארעם אנרופן, און אז ער וועט מזכיר זיין אלע משתתפים פארן רבי'ן.

אין יענע צייט איז געווען שווער דער מצב הפרנסה אין אנטווערפן, איך האב געהאט ביי מיר 150$ האב איך מיך גע'ישוב'ט צי איך זאל דאס געבן פאר ר' בנימין הערש, צי אפשר איז כדאי צו ווארטן אז עס זאל זיין מער הרחבה, האב איך געפרעגט ר' בנימין הערש וואס צי טון, האט ער געזאגט אז איך זאל איהם געבן דאס געלט, און ער וועט שוין מזכיר זיין פארן רבי'ן, און נאכדעם וואס דער רבי וועט געבן זיין הייליגע ברכה איז דאך שוין נישט קיין שום דאגה.

יענע נאכט האט ר' בנימין הערש גערופן צום רבי'נס שטוב, און ער האט איבערגעגעבן א פונקטליכע באריכט פון אלע משתתפים, און ער האט אויך דערציילט אז איך האב זיך משתתף געווען מיט א שיינע סומע געלט, כאטש וואס מיין מצב איז זייער געענגט, און ער האט געפרעגט דעם רבי'ן צי ער זאל איבערנעמען פון מיר דאס געלט. דער רבי האט דאן געגעבן ברכת קדשו "ער זאל האבן שפע ברכה והצלחה".

דעם קומענדיגן אינדערפרי האט מיר ר' בנימין הערש איבערגעגעבן דעם גאנצן שמועס, און ווי פארשטענדליך בין איך געווען מלא שמחה וואס איך האב זוכה געווען צו די הייליגע ברכה.

נאכן דאווענען קום איך אהיים זע איך ווי מיין פרוי (ע"ה) רעדט אויפן טעלפאן און זי הערט זיך זייער פרייליך, עס האט אויסגעזעהן ווי עס איז דא א שמחה אין די משפחה, נאכדעם דערציילט זי אז זי האט באקומען א קאל פונעם בעה"ב ביי וועמען זי האט געארבעט עטליכע יאר, אז ער האט זיך געכאפט אז ער האט זיך טועה געווען מיט די חשבונות און ער קומט איר א סומע געלט, און לויטן חשבון האט ער איר אפגעשיקט 450$. איך בין באלד געלאפן דערציילן די מעשה פאר ר' בנימין הערש ווי די ברכה פונעם רבי'ן איז מקוים געווארן בו ביום. (יצחק הערש גראד, יואל מיכאל גראד)

תתתרכז) עס האט דערציילט אונזער זיידע-עלטער זיידע

## הרה"ח ר' אליהו הלוי שטיינבערגער ע"ה

ביי די שווערע מלחמה יארן איז ער געווען פארשיקט אויף צוואנגס ארבעט אין די קארפאטן בערג. דארט האט מען געליטן פון גרויס הונגער, און ער פלעגט זיך שפארן שטיקלעך ברויט אז ער זאל זיך קענען דערהאלטן ביים לעבן.

איינמאל ארויסגייענדיג אינדערפרי צו דער ארבעט האט ער מיטגענומען אין טאש א שטיקל ברויט מיט די מחשבה אז ער וועט דאס עסן ביינאכט ווען  ער וועט צוריק קומען פון דער ארבעט. בשעת די ארבעט האט ער געהאט אויפגעהאנגען דאס רעקל אין די זייט, צוריק קומענדיג נאך די ארבעט זעהט ער ווי א ווילדער חזיר דרייט זיך נעבן זיין רעקל, און ער האט געזעהן ווי די חי' לא טהורה האט שוין אויפגעגעסן זיין ברויט, בלית ברירה איז ער געגאנגען שלאפן הונגעריגערהייט, אבער דאס הונגער האט איהם אזוי געפייניגט אז ער האט נישט געקענט איינשלאפן.

פלוצלונג זעהט ער פונדערווייטנס א לעכטיגקייט, און ער באמערקט ווי עס קומט צו גיין א רוסישער גוי מיט א לאמטערנע אין די האנט. ווען ער איז אנגעקומען נעבן איהם דערציילט דער גוי אז ער איז א שומר ביינאכט אויף די אקסן און פערד אז די לייבן פון וואלד זאלן זיי נישט פארצוקן. און אזוי רעדנדיג פרעגט ער דעם זיידן צי ער דארף א שטיקל ברויט. דער זיידע איז שוין האלב פאר'חלש'ט האט אויפגעשיינט הערנדיג זיין פראגע, און דער גוי דערלאנגט אים א גרויס שטיקל ברויט.

דער זיידע פרעגט אים וויפיל ער דארף באצאלן, און דער גוי האט געזאגט זייער א קליינעם סכום. דער זיידע האט זיך מחיה געווען מיט דאס שטיקל ברויט ער האט געשפירט דערין א טעם מן. דערנאך פרעגט אים דער גוי צי ער דארף רעטעך, און גיט דעם זיידן א גרויס שטיק רעטעך, און ער האט נישט געוואלט נעמען דערפאר קיין געלט.

נאכדעם זאגט דער גוי "איך האב דא אויך פיינע פרישע מילך", אבער דער זיידע האט זיך באלד געכאפט אז די מילך איז מעגליך חלב עכו"ם, האט ער דאס אפגעזאגט און נישט געוואלט טרינקען. (הערשל לאוב, אלי' ווייס, גרשון ווייסמאן, יעקב יחזקי' ווייסמאן, הערשל סופר)

תתתרכח) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' שמואל חיים ליפשיץ הי"ו

ווען איך בין אמאל געפארן באזוכן מיין טאטן ע"ה וועלכער האט געוואוינט אויף די עלטערע יארן אין פלארידע, האב איך בייגעוואוינט עטליכע אינטערעסאנטע זאכן, וואס האט געצייגט אויפן כח פון צדיקים.

עס איז געווען נאכדעם וואס דער טיר פונעם פליגער איז שוין געווען פארמאכט און דער פליגער האט זיך שוין געהאט אוועק גערירט פון פלאץ, וואס בדרך הטבע איז נישט שייך אפצושטעלן און צוריק עפענען די טיר פון פליגער, איז דא פלוצלונג דער פליגער געבליבן שטיין א לענגערע צייט, און פלוצלונג האט מען געעפענט די אנדערע טיר און עס איז אריינגעקומען הרה"ק מריבניץ זצ"ל מיט זיינע גבאים. דער ריבניצער רבי האט זיך געהאט פארשפעטיגט מיט זיין דאווענען, און באופן פלא האט ער אויפגעהאלטן דעם פליגער, און ער האט נאך באוויזן אריינצוקומען נאכדעם וואס דער פליגער האט זיך שוין געהאט אוועק גערוקט פון פלאץ.

נאכדעם האב איך באמערקט ווי זיין זיץ איז אויסגעקומען צוויי זיצן פאר מיר, וברוב קדושתו האט ער נישט געוואלט זיצן אונטער נשים, האבן  די גבאים געבעטן די גוי'טעס וואס זענען געזעצן פאר איהם אז זיי זאלן אוועק גיין. עס איז געווען א פלא וואס אלע האבן תיכף מסכים געווען און זיך געטוישט פלעצער כאטש יעדער איז שוין לאנג געווען מסודר גרייט צו די נסיעה.

נאכדעם האט מען אויסגערופן אויפן פליגער אן אנטשולדיגונג אז דער טמא'נער ווידיא מאשין וואס זיי ווייזן אויפן פליגער איז צובראכן, און מ'וועט גארנישט ווייזן אויפן וועג.

איך האב פון דעם אלעם געזעהן איין זאך "רצון יראיו יעשה", און השי"ת איז ממלא אלע בקשות פון זיינע צדיקים אז עס זאל זיך אויסשטעלן לטובה. דעמאלטס האב איך זוכה געווען אז ער האט געזאגט תהילים אין מיין תהלימ'ל. (יואל גאלדבערגער, יושע גאלדבערגער, יעקב גאלדבערגער, יצחק ליפשיץ, יוסף ליפשיץ, יצחק מענדלאוויטש, בנימין הילל מענדלאוויטש)

תתתרכט) עס דערציילט מיין זיידע

## הרה"ג ר' עזריאל קלאר שליט"א

מיין פעטער הרה"ח ר' ישראל אברהם קלאר ז"ל פלעגט קומען צו פארן פון ירושלים קיין אמעריקע נאך געלט פאר די מוסדות הק' אין ארה"ק.

אין איינע פון די יארן איז ער געווען דאהי בימי הפורים. שושן פורים איז געווען דער סדר ביי **רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע** אז די בדחנים פלעגן ארויפגיין אויפן טיש, און געזאגט וואס זיי האבן געהאט צו זאגן, און זיי זענען אראפגעגאנגען, דער רבי אליין פלעגט זיך נישט צופיל מתייחס זיין צו די ווערטער פון די בדחנים.

ווען ער איז ארויף אויפן טיש האט ער געזאגט "פון וואו ווייסן מיר אז דער רבי איז רב אין ירושלים? ס'איז דא דערויף א ראי' פון א פסוק אין פרשת לך, "ומלכי צדק" דער קעניג דער צדיק, "מלך שלם" ער איז דער מלך און גאון אב בית דין פון ירושלים עיה"ק, ווער איז דאס? "הוציא" דאס קען מען ארויסלערנען "לחם ויין" פון די פסוקים פון לחם ויין, ווייל ו'לחם ל'בב א'נוש י'סעד, איז ר"ת יואל, און ו'יין י'שמח ל'בב א'נוש איז אויך ר"ת יוא"ל.

דער רבי האט ארויפגעלייגט זיין הייליג האנט אויפן שטערן, און זיך פארטראכט דאן האט ער שלא כהרגלו זיך אנגערופן "דער משולח האט נאך עפעס צו זאגן?".

זעהנדיג אז דער רבי האט הנאה געהאט פון זיינע ווערטער האט ער ממשיך געווען אז ער האט נאך א רמז אינעם פסוק "וצדיקים י'שמחו ו'יעלצו ל'פני א'לקים, איז אויך ר"ת יואל. (יוסף שלמה קלאר)

תתתרל) לזכרון נצח אונזער אומפארגעסליכער מלמד

## הרה"ח ר' יצחק מאיר שפירא ז"ל

קיינמאל וועט מיר נישט ארויסגיין פון זכרון מיין טייערער רבי ז"ל.

איך געדענק ווי עס איז געווען פארשידענע מאל וואס דער רבי האט מיר געדארפט געבן פעטש אין חדר, איז אבער נישט געווען אזא זאך אז ער זאל ענדיגן דעם טאג און אהיימגיין אן דעם וואס ער זאל האבן געענדיגט מיט א גוטע זאך, ער האט נאך אלס געטראפן נאכן געבן די פעטש עפעס א גוט ווארט אדער א חיזוק ווארט אז איך זאל נישט אהיימגיין מיטן געפיל אז איך האב היינט געכאפט פעטש און עס איז געבליבן א רוגזא צווישן מיר מיטן רבי'ן.

איך האב געוואוינט בשכינות מיט מיין רבי ע"ה, אויפן באס פלעגט ער מיך אלס פרעגן מיט זיין גוטמוטיגן שמייכל צי איך קען שוין גוט די גמרא וואס מ'האט היינט געלערנט אין חדר, אויב האב איך געזאגט אז איך קען דאס נישט אזוי גוט, האט ער מיך געזאגט אז איך זאל באלד אריבער קומען צו איהם אהיים און ער וועט דאס איבערלערנען מיט מיר עקסטער. און אזוי האט ער טאקע געטון, מיט א מורא'דיגע געטריישאפט האט ער איבערגעלערנט מיט מיר די גמרא ביי זיך אין שטוב ביז ווען איך האב שוין גוט געקענט דעם שיעור. (אחד התלמידים - תשס"ט)